זיפצן אין זיך, וואַרטנדיק אויף דער אַנגענומענע קינדער
24 (נעמלעך), די אויסלייזונג פון אונזער גוף. וואָרום
מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן אין דער האָפענונג;
אַ האָפענונג אָבער, וואָס מען זעט, איז נישט קיין
האָפענונג; ווייל ווער האָפט עס אויף דעם, וואָס ער
25 זעט? אָבער אויב מיר האָפן אויף דעם, וואָס מיר
זעען נישט, וואַרטן מיר דערויף מיט סבלנות.
26 און אויף אַזאַ אופן קומט אונז אויך דער גייסט
צו הילף אין אונזער שוואַכקייט; ווייל מיר ווייסן
נישט וויאַזוי תפילה צו טון ווי עס געהער צו זיין,
נאָר דער גייסט אַליין, איז אַ מליץ־יושר פאַר אונז
27 מיט אומאויסדריקבאַרע זיפצן; און דער, וואָס פאַרשט
די הערצער, ווייסט דאָס טראַכטן פונם גייסט, ווייל
ער איז זיך משתדל פאַר די קדושים לויט ג־טס
28 רצון. און מיר ווייסן, אַז פאַר אַלע, וואָס האָבן
ליב ג־ט, ווירקט אַלץ צוזאַמען צום גוטן, צו
29 די, וואָס זענען גערופן לויט זיין ציל. ווייל
וועמען ער האָט פון פריער געקאַנט, זיי האָט ער
פון פריער באַשטימט צו זיין ענלעך צום בילד פון
זיין זון, אַז ער זאָל זיין דער בכור צווישן אַ סך
30 ברידער; און וועמען ער האָט פאָרויסבאַשטימט,
זיי האָט ער אויך גערופן; און וועמען ער האָט
גערופן, זיי האָט ער אויך גערעכטפערטיקט; און
וועמען ער האָט גערעכטפערטיקט, די דאָזיקע האָט
ער אויך פאַרהערלעכט.
31 וואָס זאָלן מיר דעריבער זאָגן צו דעם אַלעם?
אויב ג־ט איז מיט אונז, ווער קען זיין קעגן אונז?
32 ער, וואָס האָט נישט געשפּאָרט זיין אייגענעם זון,
נאָר אים געגעבן פאַר אונז אַלעמען, וויאַזוי זשע
וועט ער נישט מיט אים אונז אַלץ געבן פרייַ?
33 ווער וועט פאַרקלאָגן ג־טס אויסדערוויילטע? ג־ט